„RADOMER-KIELCER LEBEN" 36 (176) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem. פרייז 25 גראָשען פּערטער יאָהרגאַנג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטן,

אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פרייזן!
איין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ'ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאלטן 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

ראַדאָם פרייטאג י״ט אלול תרפ״ז ●● פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ●● 16-go września 1927 r.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן
דוד מיט פרל. יוכבד שאַרפער
ווינשען מיר זיי א הארציגען מזל-טוב
און דער בונד זאָל עוויג דויערן
מיט גליק און צופריעדענהייט
עלטערן יוסף מאיר ווערבער עט פרוי.

Jadzia Szarferówna
Dawid Werber
**ZARĘCZENI**
Radom dnia 11/9 1927 r.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער
יוכבד מיט ה' דוד ווערבער
ווינשען מיר, אז זייער צוזאַמענבונד זאָל געשלאָסען
ווערען אויף אייביגע גליקליכע יאָהרען.
עלטערן
אלעזר שאַרפער עט פרוי.

Z intencji zaręczyn kochanego brata naszego DAWIDA WERBERA z panną JADZIĄ SZARFERÓWNĄ życzymy by gwiazda szczęścia sprzyjała im wiecznie.
**HENRYKOSTWO KUPERBAND.**

צו די תנאים פון אינזער ליבען
ברודער און שוואָגער דוד ווערבער
מיט פרל. יוכבד שאַרפער
ווינשען מיר אייך אונזערע הארציגסטע
ברכות. זאָל אייער פעראייניגונג אייך
אייביגע צופרידענהייט ברענגען
שמואל פעלדמאַן פרוי
און טעכטערל.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען
ברודער, שוואָגער און פעטער דוד
ווערבער מיט פרל. יוכבד שאַרפער
ווינשען מיר, אז זייער נייער לעבענס-
וועג זאָל בליהען אזוי ווי די יונגע
בלימלעך אין פריהלונגס-צייט.
משה ווערבער עט פרוי און קינדער.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען
ברידער, שוואָגער און פעטער
דוד ווערבער
מיט פרל. יוכבד שאַרפער
ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט און
א אנגענעהמע עפּאָכע אין זייער נייעם
לעבענס-וועג.
דניאל ווערבער
עט פרוי און קינדער.

צו דער פערלאָבונג
פון פרל. פראַניא זילבערבערג
מיט ה' ליפא ווייצהענדלער
וואונשט פיעל גליק און צופרידענהייט
אויפ'ן וויטערדיגען לעבענס-וועג.
י. זילבערשטיין.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער
און שוועגערין
יוכבד שאַרפער מיט ה' דוד ווערבער
ווינשען א גליקליכע צוקונפט און זייער נייער
לעבענס-וועג זאָל מיט בלומען בעצירט זיין.
דוד שאַרפער עט פרוי.

Z intencji zaręczyn
p. Dawida Werbera
z p. Szarferówną
życzymy Im wiele szczęścia.
FRYDMANOWIE (Ryrel).

Z intencji zaręczyn kolegi mego
LIPKA WAJCHENDLERA
z p. FRANIĄ ZYLBERBERG
życzę im szczęścia
życzliwy ADLER.

FRANIA ZYLBERBERG
LIPA WAJCHENDLER
**ZARĘCZENI**
Radom w Wrześniu 1927.

Z intencji zaręczyn koleżanki naszej
Frani Zylberberżanki
z panem Lipkiem Wajchendlerem
serdeczne życzenia składają koleżanki
**Sala Rubinsztajnówna**
**Fela Ajchenbaumówna**
**Andzia Eisenweiźówna.**

צו דער אכצייט פון אונזער פריינד
משה גאָלדשטיין
מיט פרל. חנה קליינמאַן
ווינשען מיר זיי א הארציגען מזל-טוב
עהיגעס גליק און צופריעדענהייט
מאַטע כריידאַס עט פרוי
און קינדער.

צו די האָכצייט פון אינזער קוזין
און פריינד חיים ישראל ווינער
מיט פרל. ראָשע גאָלדבערג
וואָס איז פאָרגעקומען דעם 13/9 אין וואַרשע
ווינשען מיר דאָס אין נייעם וועג פון זייער
לעבען זאָל זייער גליק זיין אזוי שטאַרק, אז אלע
זייערע שטרעבונגען זאָלען זיך פערווירקליכען.
פיגלא הערץ און דוד שיינבוים.

Z intencji zaręczyn przyjaciół naszych p. JADZI SZARFERÓWNY z p. DAWIDEM WERBEREM życzymy wiele szczęścia i wiecznej miłości.
**SALA, CELA, BELA i EDZIA.**

Z intencji zaręczyn
p. FRANI ZYLBERBERŻANKI
— z p. —
LIPKIEM WAJCHENDLEREM
wiele szczęścia oraz harmonji dusz życzy
**Mieczysław POTTENBERG.**

## OGŁOSZENIE.

ELEKTROWNIA RADOMSKA

podaje do wiadomości pp. Odbiorców prądu, że w dniu 18 września r. b. w niedzielę, wskutek dorocznego remontu sieci elektrycznej, nastąpi przerwa w dostarczaniu prądu do miasta od godziny 5-ej do godz. 16-ej tego dnia.

JASNEJ SŁOŃCA
NAJLEPSZA ZAPRAWA DO PODŁÓG
פריזט אָב פּאָסאַדזקעס, לינאָלעאום און פאַרבט אין
פערלויף פון איין שעה, ווייסע פּאָדלאָגעס אויף
רויט אָדער טונקעל-ארזשיך.

# די זיצונג פון קהלה-ראט.

(פאָרטזעצונג)

דער ה' קאַהן טראָגט אריין א פאָרשלאַג צו העכערן די פענסיעס פון די שוחטים אויף 700 זל. א חודש. (ביז יעצט בעקומען די שוחטים 500 זל. א חודש.)

ה' מיצענמאַכער קלאָגט זיך אויפ'ן כאַאָס, וואָס הערשט אין דער שחיטה, אין וועלכען עס זענען שולדיג נור די שוחטים אליין און איז דעריבער געגען העכערן זייערע פענסיעס. אויך ה' גוטמאַן איז געגען דער העכערונג פון די פענסיעס און פערלאַנגט, אז די סומע פון 2800 זלאָטעס, וואָס איז בעשטימט אויסצוצאָהלען די שוחטים אויב זיי וועלען ערפילען זייערע התחייבות'ן לגבי דער גמינע און ראבינאט זאָל די שוחטים נישט אויסגעצאָהלט ווערען צוליב זייער איפּערהאַלטונג און די סומע זאָל איבערגעבען ווערען צו דער דיספאָזיציע פון דער פערוואַלטונג.

ה' לעוו איז געגען אזא „בלינדע סומע". ער ווייסט נישט וואָז הייסט ערפילען התחייבות'ן און וואָס איז דאָס אזעלכעס „איאל זיין"... ער רעדט נאָך לאנג וועגען פאַוואָריזירען פון שוחטים און כמדומה צו העכערן זייערע פענסיעס.

עס נעמט דאָס וואָרט ה' גוטמאַן, וועלכער טרעט ארויס געגען דער האַלטונג פון ה' לעוו. וועלכער זוכט שטענדיג די געלעגענהייט ארויסצופיהרען זיין אנטיפּאַטיע פון גייסטליכקייט אין ריטואַלע ..... א ..... אויסדרוק. עס קומט צו א ..... און עס ווערט ..... „עפּעס" וועגען אלטע חכמים... מיט שווערער מיה געלונגט ..... איינצושטילען די צוהיצטע געמיטער און ווייטער צו פיהרען די זיצונג

ה' ראָזענבלום. וועלכער איז פאַר דער איין ..... פרעלימינירטע סומע, ..... אז די שוחטים בעקומען פאַר 150 זלאָטעס פלייש פון דער שחיטה, אויף כשר און שלאָגט פאָר, אז פון 2800 זל. זאָלען קענען געניסען נור די שוחטים, וואָס פערנעהמען זיך נישט מיט שמוגעל און שחט'ן נישט א ..... דער קאָנטראָל.

נאָך א לאנגע דיסקוסיע ווערט אָנגענומען די דורך דער פערוואלטונג פרילימינירטע סומע און עס ווערט איבערגעגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון דער פערוואַלטונג 1728 אנשטאט 2800 זל. אויסצוצאָלען נאָר „לאָיאלע" שוחטים.

עס ווערט דעם פאָרזיצענדער איבערגעגעבען א בריף פונ'ם שוחט ישכר גאלדראט. דער פאָרזיצענדער ווערט זעהר אויפגערעגט און פערלאַנגט מ'זאָל דורכלעזען דעם בריעף. נאָכדעם ווי אלע לעזען איהם אינדיווידועל דורך ווערט בעש'אָסען, אז א בריף מיט אזוי אינהאַלט קען נישט געלעזען ווערען. עס ווייזט זיך אָבער ארויס, אז פיעל שטעלען פון ה' לעוו'ס רעדע זענען אינדענטיש מיט א טייל פונ'ם בריף... מען טרעט צו בעהאַנדלען ווייטערע פונקטען פונ'ם בודזשעט. ביי העכערען א פענסיע פון איין בעאמטען האָט מען גאנצע דריי מאָל געהיים אָבגעשטימט און אין אלע דריי פאַלען איז די צאָל שטימען געווען גלייך אויף ביידע צדדים. מען מוז אָבלעגען די זיצונג אויף דריי טעג שפּעטער. עס ווייזט ארויס בולט אז ביי יעדען וויכטיגען אָדער נישט וויכטיגען פונקט וועלען אויסברעכען נישט זאַכליכע נור פשוט פּאַרטיי-דיפערענצען און עס וועלען זיך ציהען לאנגע נודנע דיסקוסיעס... און אויב עס זאָל אזוי כסדר געהן איז צו האָפען אז אין יאָהר 1928 וועלען מיר נאָך זיצען אין קה"ה-שטוב און אויסהערען די אינטערעסאנטע ויכוחים איבער דעם בעאמטען קומט פאַר'ן ערשטען חודש פון 1927 יאָהר 330 זלאָטעס אָדער 372 זלאָטעס און מיר וועלען נאָך דיספּוטירען איבער דער ראט זאָל דעם בודזשעט אָנגעהמען און פאָרשטעלען צו בעשטעטיגען אָדער נישט...

עס ליגט א הייליגער חוב אויף יעדען איינעם נאָכצוזעהען אויב ער איז אריינגעטראָגען געוואָרען אין דער רשימה. ווייל דורך איין איינציגער שטימע קען פערלוירען געהן א יודישער מאנדאט.

# ארום די וואהלען צום שטאדט-ראט.

דעם 8 ה. ח. איז אין מאגיסטראַט פאָרגעקימען א זיצונג פון הויפּט-וואהל-קאָמיטעט אינטער'ן פאָרזיץ פונ'ם ריכטער לאכאָוויעצקי.

ה' ריכטער לאכאָוויעצקי איז געוועהלט אַלס פאָרזיצער פונ'ם הויפּט-וואהל-קאָמיטעט. עס זענען אויך געוועהלט די ה"ה יול. קיבעצקי, י. טאָמיצקי, ט. קאָסטיק באג. טוועזאָווסקי, ר. קליוזשניאַק און ה. לעווי.

עס זענען בעשטימט געוואָרען 11 וואהל קרייזען.

די צאָהל וועהלער ווערען בערעכענט אויף 23.680.

עס דארפען געוועהלט ווערען 33 ראטמענער און 17 פערטרעטער.

די וואהלען זענען בעשטימט געוואָרען אויף זונטאג דעם 9-טען אָקטאָבער (פּאַזדזיערניק) ה. י.

די וועהלער ליסטעס וועלען ארויסגעלעגט ווערען אינ'ם מאגיסטראט פון דעם 15-טען ביז'ן 20-טען ה. ח. פון 10 ביז 1 פאָרטיטאָג און פון 5 ביז 8 אָוועַנד. וואו יעדער איינער האָט ראַס רעכט נאָכצוקאָנטראָלירען אויב ער איז אריינגעטראָגען געוואָרען אין די וועהלער-רשימה (נישט אויסשליסענדיג זונטאג)

# א בלימעל-טאָג

דער (קרן-קימת-לישראל) יודישער נאַציאָנאַל-פאָנד אָרדענט איין דעם 20,9 א בלימעל-טאָג.

עס איבריג צו ערקלערען די וויכטיגקייט פון אזא זאמלונג און עס איז דעריבער זעהר געווינשען אז אונזער יוגענד זאָל ארויסווייזען זיין אקטיוויטעט און מעלדען זיך יעדען טאָג פון 7 ביז 9 אָווענד אין ביוראָ פונ'ם יודישען נאַציאָנאַל פאָנד (השומר-הצעיר ביזשעצינער 44) און מיטהעלפען אין ערפאָלג פון דער זאמלונג.

צו אונזערע

# ג אבאָנענטען און אנאָנסען-געבער

— אין קעלץ. —

דעם היינטיגען זונטאָג ד. ה. דעם 18 ען ה. ח. שיקען מיר קיין קעלץ אונזערע אדמיניסטראציע-פאָרשטעהער אויף איינצומאָהנען דעם חודש-בעטרעף פון אונזער צייטונג, ווי אויך פאַר די אנאָנסען וואָס זענען געדרוקט אין אונזער צייטונג.

מיר בעטען דעריבער אלע אונזערע ג. אבאָנענטען און אנאָנסען-געבער תיכף צו ערלעדיגען די ביי זיי געקומענע חובות, און נישט צו בעשווערען אונזער אינקאסענט ביים איינמאָהנען, ..... פון איהם צו קומען ..... מאָהל. מיר בעטען צו נעמען אין אכט, אז צוליב דער ..... ..... קען מיר כמעט אהין אונזערע אדמיניסטראציע-פאָרשטעהער און זיי אויסהאַלטען א לענגערע צייט אין דער ..... וואָלט אונז פערשאַפט גרויסע הוצאות. מיר בעטען דעריבער נאָך אמאָהל אונזערע ג. אבאָנענטען און אנאָנסען-געבער צו פערלייכטערען אונזער אינקאַסענט און תיכף רעגולירען אלע חשבונות.

אדמיניסטראציע

„ראדאָמער-קעלצער לעבען"

— אין ראדאָם. —

מיין בעסטען פריינד יצחק שפּילבערג פון יענדזשעוו צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. שושנה ליבעקא פון באריטש קינצק ווינשע איהם עוויגע צופרידענהייט. זאָל זיין גליק שיינען אזוי ווי די זון אין מיטען טאָג און זיין לעבענס וועג זאָל זיין מיט בלומען בעצירט.
דיין הערצליכסטער און איבערגעגעבענער חבר אויף עוויג
משה שמואל הירביי"ג בוה"ג שליט"א קעלץ.

צאהן-ארצט
אסקאר סערוועטניק
אין קעלץ, שענקעוויטשעס גאס № 35 טעלעפאָן № 233.
נעמט אָן טעגליך פון 9 ביז 1 פריה און פון 3 — 7 נאָך מיטאָג
פאר צוגערייזטע אויסנאמסווייזע אין יעדער צייט.

בעסטע שיפס-קאָמוניקאציע צווישען פוילען און קאנאדע
„באלטיק-אמעריקא-ליין"
עמיגראציע — ענינים ערלעדיגט
ביורא „יוס"
קעלץ, קילינסקי גאס № 8

## לשמוע אל הרנה ואל התפלה

אין פרעכטיגען לאקאל פון „לינת הצדק" ראווינסקא 3 איז אין בית-התפלה אויף די ימים נוראים אנגאזשירט בעוואוסטע בעלי תפלות.

עס איז צו פערדינגען פלעצער פאר מענער און פרויען, וואו עס זענען דא בעקוועמליכקייטען.

כל הקודם זכה!

אינפארמאציעס ערטיילט דער סעקרעטאריאט יעדען טאג פון 9 אזייגער פריה ביז 3 נ. מ. און פון 6 ביז 10 אווענד.

**לינת הצדק פערוואלטונג.**




# כשר
# KUNEROL

איז גאראנטירט

## ריינער שפייזע-פעטס — פון קאקאס - ניס -

עס ווערט אויסגעארבייט אונטער דער אויפזיכט פון הרב ר' **שמואל עהרענפעלד** פון מאטערסבורג מיט א הכשר פון הרב **אברהם צבי פערלמיטער** פון ווארשא

## צום שאנד-סלופ

מיר שטעלען צום שאנד-סלופ די ג. מיטגלידער פון אונזער פראפ. פעראיין פון בעקליידונג'ס אינד. קעלץ, **סאלקי פרידמאן** און **פינקי מילער** (ראזענהאלצ'ס-פראצעזיוניא, צוליב שמרייק ברעכעריי. מיר פאדערען אויף א"ע קעלצער ארבייטער נישט צו האבען מיט די אויבענדערמאנטע ארבייטער קיין שום בעציונגען.

**די פערוואלטונג פון פראפ. פעראיין פון בעקל.-אינד. קעלץ.**

## ניי'עס! — ניי'עס!

אז שילער און שילערינס פון רעגירונגס פאלקס-שולען און מיטעל-שולען זאלען ערצויגען ווערען אינ'ם גייסט פון **תורה, נביאים,** העברעאישע **שפראך, ליטעראטור, געשיכטע** א. ז. וו. כדי מיט דעם זיי ציצוגעבען צו דער גאלדענער קייט פון אונזער הערליכער היסטארישער פערגאנגענהייט און אזוי נאך נישט פערפרעמדט ווערען פון דער יודישער נאציאנאלער אבשטאמונג. און אום צו ערמעגליכען יעדען פאטער און מוטער, אז זייערע קינדער זאלען געניסען פאר זעהר צוגענגליכע פרייזען פון די אויבענדערמאנטע נויטווענדיגע למודים. אהן וועלכע קיין שום יודיש קינד קאן זיך נישט בעגעהן. עפען איך קורסען **העברעאישע** פאר **אנפאנגער** און **אנפאנגערינס,** ווי אויך **כערנאל-קאמוננס-קורסען.**

די קורסען וועלען איינגעארדענט ווערען לויט בעזונדערע גרופעס איינגעטיילט. און צופאסענדיג זיך לויט'ן קענטניס פון יעדען שילער און שילערין. אויף די קורסען וועלען געשאפען ווערען גרופעס ספעציעל פאר קינדער פון זעקס **יאהר אן,** וועלכע קענען נישט לעזען און **שרייבען.** אויפן פערלאנג פון די יעניגע עלטערען, וועלכע ווילען, אז זייערע קינדער זאלען אויך קאנען יודיש שרייבען וועט ווערען פאר זיי, חוץ די העברעאישע למודים, אויך איינגעריכטעט ספעציעל די יודישע שפראך.

אויף די פערפאלקאמוננס קורסען וועט אויך ווערען געלערענט **ת"מוד, אגדות ישראל** און אנדערע וויכטיגע יודישע למודים.

צוליב טעכנישע סבות פאנגען זיך אן די קורסען דעם 23-טען פאזשדזשערניק. איינשרייבען קאן מען זיך טאג טעגליך פון 6—8 אווענד אין די קאנצעלאריע פון די קורסען **וויטאלדא 11.**

**אנמערקונג:** פאר די שילער און שילערינס, וועלכע לערנען זיך אין די נאך מיטאג שטונדען אין די שולען, וועלען זיין פאר זיי טעטיג די קורסען אין דער פריה.

**ל. מילמאן.**

## לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

דער ועד פון בית המדרש **שערי-ציון** מאכט בעקאנט, אז די **ימים נוראים** וועלען דאווענען **בעוואוסטע חזנים** מיט **משוררים.** און כדי צו האלטען ארדנונג ווערט געבעטען אלע מתפללים בעצייטענס זיך פערזען מיט א איינטריטס-קארטע. ווער עס וועט נישט בעזיצען קיין איינטריטס קארטע וועט נישט אריינגעלאזט ווערען.

קארטען צו בעקומען ביים גבאי ה'

**נחמיה אוסטראוויץ.**

דעם טיפסטען מיטגעפיל דריקען מיר אויס דעם ה' **מ. קאהן** וויצע פרעזעס פון דער פערוואלטונג צוליב'ן טויט פון זיין פאטער

## שמואל מאיר נ"ע

המקום ינחם איתו בתוך אבלי ציון.

**דער ראט און די פערוואלטונג פון דער קיעלצער באנק קרעדיטאוו.**

הנני משתתף בצערו של ידידי

**ר' משה'קה קאהן**

בהלקת מאותו את אביו

## ר' שמואל מאיר ז"ל

המקום ינחם אותו בתוך אבלי ציון.

**פנחס זלאטא.**

הנני משתתף בצערו של ידידי

**ר' משה'קה קאהן**

בה"קת מאותו את אביו הלא היא מח'

## ר' שמואל מאיר הכהן ז"ל

המקום ינחם איתו בתוך אבלי ציון

**אלימלך ענגלארד.**




**CZEKOLADA G.G.LARDELLI UCZY, JAKA BYĆ POWINNA CZEKOLADA**




Kino „CZARY" Kielce

Otwarcie sezonu zimowego
Wielki film jubileuszowy
według słynnej powieści H. EWERSA
autora „ALRAUNY"

# STUDENT z PRAGI

W rolach głównych: KONRAD WEIDT
WERNER KRAUSS Hr. Agnes ESTERHAZY

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni Radom, Szwarlikowska № 20.